ב"ה

# פרשת משפטים

**בס"ד. שיחת וא"ו תשרי, ה'תשמ"ה (המשך משבוע העבר).**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אָט דאָס וואָס תורה האָט אָפּגעגעבן פרויען די גרעסטע זאַך וואָס ס'קען זיין, וואָס די גרעסטע זאַך וואָס ס'איז דאָ באַ "גוי קדוש" און בהנוגע צו "תורה צוה לנו משה", אַז פון דעם דור וואָס איז געוועזן באַ מתן תורה זאָל צוקומען אַ דור וואָס וועט גיין אין די זעלבע וועגן, און דערנאָך פון דעם צווייטן דור וועט צוקומען אַ דריטער דור וואָס וועט טאָן אַזוי;

ווי אַזוי קען זיין אַ דור לאחרי דעם דור וואָס איז געשטאַנען באַ מתן תורה – מוז מען אָנקומען צו פרויען!

און ניט נאָר מ'מוז צו זיי אָנקומען; זיי האָבן באַקומען די הייליקע שליחות: אַז ס'זאָל זיין אַ המשך פון דעם דור פון מתן תורה, דאַרף זיין דער "פרו ורבו", אָן ווען מען הענגט דאָס אָפּ? – הענגט דאָס אָפּ בעיקר אָן פרויען.

וואָרום דער ענין פון דער "שותפות" פון דעם מאַן, פון דעם פאָטער, איז מערניט [ווי] **בתחילה**, דערנאָך איז דאָ דער תשעה ירחי עיבור, און דערנאָך איז דאָ דער צער העיבור, און דערנאָך איז דאָ דער ענין הלידה, צוזאַמען מיטן צער הלידה, וואָס אָט דעמאָלט איז די פרוי ממלא תפקידה העיקרי,

און אַן עיקרי ניט נאָר פאַר איר; אַן עיקרי פאַר דעם גאַנצן קיום העולם,

אָנהויבנדיק פון קיום פון דעם אידישן פאָלק, וואָס אין דערויף איז תלוי דער קיום התורה, וואָרום "תורה לא בשמים היא", זי איז געגעבן געוואָרן דוקא בארץ, דאָ למטה, און ס'דאַרף זיין איינע פון די ערשטע מצוות "ושננתם לבניך",

ביז בפשטות, ווי אַ פשוט שבפשוטים זעט דאָס און ניט-אידן זעען דאָס, אַז פרויען האָבן באַקומען די גרעסטע שליחות און די הייליקסטע שליחות וואָס ס'קען זיין, אַז זיי זיינען די וואָס פאַרנעמען זיך און זיינען עסוק בזה תשעה ירחי עיבור, ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן איז "מלכותו ברצון קבלו עליהם", טוען זיי דאָס מתוך עונג,

און ווייסן דעם אמת, אַז זיי דערגרייכן דורך דערויף די **אייגענע שלימות**, און קיין אַנדערער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, קען דאָס ניט טאָן, דערפאַר וואָס דאָס האָט דער אויבערשטער אָנפאַרטרויט בכוחו ובחכמתו וברצונו מערניט ווי צו פרויען.

און דערפאַר, אַז ס'קומט צוגיין אַ פרוי און בייט דאָס איבער, און הויבט אָן מאַכן חשבונות, אַז זי דאַרף זיין אַ פרוי וואָס זי קען פאַרדינען געלט, און קען זיך מאַכן אַ שם בפני עצמה, און מילוי תכליתה העיקרי והפנימי, און אַן עיקר פאַרן גאַנצן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט – אָט דאָס לייגט מען אָפּ "לכשאפנה"!

בשעת זי וועט דערגרייכן די אַלע טפל'דיקע זאַכן, און דערנאָך וועט זי נאָך האָבן כח און וועט נאָך האָבן צייט, און דער אויבערשטער וועט איר וועלן געבן די ברכה – אָט דעמאָלט וועט זי אָנהויבן טראַכטן און פלאַנירן ווען דאַרף מען האָבן אַ קינד, און וויפל דאַרף מען אים האָבן, און ווי אַזוי דאַרף מען אים האָבן וכו'.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת משפטים

אויף וואָס בייט מען איבער דעם ענין הכי עיקרי וענין הכי פנימי? — בייט מען דאָס איבער אויף ענינים וואָס בערך זה האָבן זיי לגמרי קיין תפיסת-מקום ניט, ניט נאָר לויט דעם שכל פון נפש האלקית, נאָר (נאָכן) [לויטן] שכל פון נפש השכלית, אפילו לויטן שכל פון נפש הבהמית, אפילו לויטן פון עמי הארץ.

אַלע וויסן, אַז שלמה, "החכם מכל האדם", האָט מסיים געווען דעם ספר אין משלי מיט דעם ענין פון "אשת חיל מי ימצא". און ברענגט דאָרטן אויך, אַז ס׳דאַרף זיין ביי אַן אשת חיל, אַז זי האָט צוטאָן מיט מסחר, און "סדין עשתה ותמכור" וכו׳;

דערביי גיט ער אָבער אַ כלל, אַז דאָס איז "כל כבודה בת מלך פנימה", אַז דאָס ווערט געטאָן מיט דרכי צניעות. און ווען ווערט דאָס געטאָן? — בשעת ס׳איז דאָ דער ענין וואָס "ראוה בנות ויהללוה" אויף **דעם ענין** — בשעת מ׳זעט אַז זי איז ממלא תפקידה הכי עיקרי.

זאָגט די גמרא און באַוואָרנט דאָס אויך, אַז "האי נשי במה זכיין", אַז פרויען האָבן אַ גרעסערן זכות נאָך פון מענער, "באקרויי ובאתנויי ובנטרי לבעלייהו",

און ווי ס׳איז געווען באַ כמה גדולי ישראל, אַז די פרויען זייערע האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר, כדי צוצושטעלן די פרנסת בעלה, ער זאָל קענען זיין "באקרויי ובאתנויי"; ניט נאָר בהנוגע צו קינדער נאָר אויך בהנוגע "נטרי לבעלייהו" — בהנוגע צו די מענער.

במה דברים אמורים? — בשעת מ׳האָט שוין קינדער, און מ׳האָט אַ מאַן וואָס מ׳פירט זיךביידע על פי התורה והמצוה, וויל דער מאַן זיצן און לערנען, איז זי מסכים, אַז אין אַן אופן פון "כל כבודה בת מלך פנימה", אין אַן אופן פון צניעות, וועט זי צושטעלן, פאַרנעמען זיך "נטרי לבעלייהו" בהנוגע צו עניני פרנסה — אָט דאָס איז דער דרך על פי תורת אמת, וואָס זי איז אויך תורת חיים, הוראה בחיים;

בשעת מ׳האָדעוועט טעכטער, און מ׳וויל זיי איינרעדן חס ושלום, אַז זיי זאָלן וויסן זיין, אַז אין וואָס וועט באַשטיין זייער שלימות? אַז אַזוי ווי דער ברודער איז אַ גוטער סוחר, און אַ צווייטער ברודער (וועט פאַר) האָט אַ שלימות אין אַן אַנדער מקצוע — איז צום אַלעם ערשטן דאַרף זי פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מיידל, און האָט אויף זיך אַ שליחות [צו] ווערן אַן "עקרת הבית",

און "עקרת הבית" ווערט מען ניט בין-לילה; דאָס איז אַ זאַך וואָס מ׳דאַרף זיך דערצו גרייטן, דאַרף מען איינשטעלן דעם ענין החינוך פון אַ טאָכטער, אַז צום אַלעם ערשטן זאָל זי וויסן זיין וועגן איר תפקידה העיקרי — חתונה-האָבן און פירן אַ אידיש הויז, און אַ הויז אין וועלכע ס׳וועלן זיין בנים ובנות עוסקים בתורה ומצוותי׳.

און דער "זן ומפרנס לכל", און ניט סתם "זן ומפרנס לכל", נאָר "בטובו בחן ובחסד וברחמים" — איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער שפּייזט אַזויפיל מיליאַרדן מענטשן אין דער וועלט, וועט ער שפּייזן זיכער אָט די קינדער וואָס דער אויבערשטער וועט זיי בענטשן און ס׳וועט קומען צו זיי אין הויז, און וועט זיי שפּייזן "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה".



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.